# Shloyme Mikhoels 1890-1948

L'acteur, metteur en scène et directeur du Théâtre yiddish d'État de Moscou (le GOSET), président du Comité antifasciste juif (CAJ) fut la première victime de sa liquidation par le pouvoir soviétique.

Après avoir reçu une éducation juive traditionnelle dans sa ville natale de Dvinsk (aujourd'hui en Lettonie), Mikhoels poursuit ses études dans des institutions non juives à Riga, Kiev et Petrograd. En 1918, il s'inscrit au Kamer-teater (Théâtre de chambre) d'Alexandre Granovski à Moscou, qui deviendra plus tard le GOSET. Acteur comique et tragique, maître de la gestuelle, il atteint une renommée extraordinaire, tant dans son pays qu'à l'étranger, en incarnant les rôles principaux du répertoire théâtral yiddish classique.

Après le départ de Granovski en Allemagne en 1928, Mikhoels est nommé directeur du GOSET en un temps où s'imposent de plus en plus les principes artistiques du réalisme socialiste. Au cours de cette période, le répertoire du GOSET s'élargit vers de nouveaux horizons, culminant avec la production du *Roi Lear* (1935), considérée par les critiques comme la plus grande réussite de Mikhoels en tant qu'acteur, et dans laquelle il s'attache à mettre en évidence toute la complexité psychologique du rôle principal. « L'art n'est pas simplement un miroir de la réalité », écrit-il cette année-là. Selon lui, il s'agit de libérer ce qui se cache sous la réalité en trouvant des images « de valeur égale à celle-ci sans en être la copie ».

En 1943, deux ans après sa nomination à la présidence du CAJ, Mikhoels se rend en Grande-Bretagne et en Amérique du Nord pour sensibiliser l'opinion publique et collecter des fonds destinés à l'effort de guerre soviétique ; il assume de facto le rôle de représentant du judaïsme soviétique. Son assassinat à Minsk le 13 janvier 1948 par le régime stalinien, présenté comme un accident, est suivi de la dissolution du GOSET et du CAJ, et de l'arrestation de nombreux intellectuels juifs, dont treize seront exécutés le 12 août 1952. Parmi les victimes, l'acteur Binyomin Zuskin, le partenaire artistique le plus proche de Mikhoels sur la scène yiddish soviétique.

*Tal Hever-Chybowski*

# שלמה מיכאָעלס 1948-1890

דער אַקטיאָר, רעזשיסאָר און דירעקטאָר פֿון מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער („גאָסעט") איז אויך געווען פּרעזידענט פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט (יאַ"ק) און דער ערשטער קרבן פֿון זײַן פֿאַרטיליקונג דורך דער סאָוועטישער מאַכט.

אין זײַן געבוירן־שטאָט דווינסק (הײַנט אין לעטלאַנד) לערנט מיכאָעלס אין חדר. דערנאָך שטודירט ער אין ניט־ייִדישע שולן אין ריגע, קיִעוו און פּעטראָגראַד. אין 1918 פֿאַרשרײַבט ער זיך אין אַלכּסנדר גראַנאָווסקיס מאָסקווער קאַמער־טעאַטער (שפּעטער, דער גאָסעט). אַלס מײַסטער פֿונעם זשעסט, האָט זיך מיכאָעלס קונה־שם געווען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד און אין אויסלאַנד ווי אַ גרויסער אַקטיאָר, אי אַ קאָמישער אי אַ טראַגישער, מיט זײַנע הויפּטראָלעס פֿון קלאַסישן רעפּערטואַר פֿון ייִדישן טעאַטער.

נאָך גראַנאָווסקיס אַוועקפֿאָרן אין דײַטשלאַנד אין 1928, ווערט מיכאָעלס דירעקטאָר פֿון גאָסעט אין אַ תּקופֿה וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט דורך די אַרויפֿגעצוווּנגענע קינסטלערישע פּרינציפּן פֿונעם סאָצרעאַליזם. אין דער צײַט ברייטערט אויס דער גאָסעט זײַן רעפּערטואַר. די פֿאָרשטעלונג קעניג ליר (1935) ווערט באַטראַכט פֿון די קריטיקער פֿאַר מיכאָעלסעס גרעסטער דערגרייכונג ווי אַן אַקטיאָר, וואָס האָט באַוויזן אויסצודריקן אין דער פּיעסע די פֿולע פּסיכאָלאָגישע טיפֿקייט פֿונעם הויפּטהעלד. „קונסט איז ניט נאָר די אָפּשפּיגלונג פֿון דער ווירקלעכקייט", שרײַבט ער אין זעלביקן יאָר. לויט מיכאָעלסן גייט עס אין באַפֿרײַען דאָס באַהאַלטענע וואָס אין דער ווירקלעכקייט דורכן געפֿינען בילדער „וואָס זאָלן זײַן גלײַכוואַרטיק צו דער ווירקלעכקייט, אָבער ניט איר קאָפּיע".

אין 1943, אין זײַן צווייט יאָר ווי דער פּרעזידענט פֿון יאַ"ק, פֿאָרט מיכאָעלס קיין ענגלאַנד און צפֿון־אַמעריקע מיט דער אויפֿגאַבע אויפֿצוקלערן די עפֿנטלעכע מיינונג און צו זאַמלען געלט פֿאַרן סאָוועטישן מלחמה־אָנשטרענג. פֿאַקטיש, נעמט מיכאָעלס אָן די ראָלע פֿונעם פֿאָרשטייער פֿון סאָוועטישן ייִדנטום. נישט לאַנג נאָך זײַן דערמאָרדונג דורך סטאַלינס רעזשים דעם 13טן יאַנואַר 1948 אין מינסק (אַ מאָרד וואָס ווערט פֿאַרמאַסקירט פֿאַר אַן אַקצידענט), ווערן פֿונאַנדערגעלאָזט דער גאָסעט און דער יאַ"ק. אין דער זעלבער צײַט אַרעסטירט מען אַ גרויסע גרופּע ייִדישע אינטעלעקטואַלן, וואָס דרײַצן פֿון זיי ווערט מען אומברענגען דעם 12טן אויגוסט 1952. צווישן די קרבנות: דער אַקטיאָר בנימין זוסקין, מיכאָעלסעס ענגסטער קינסטלערישער שותּף אויף דער סאָוועטישער ייִדישער בינע.

טל חבֿר־כיבאָווסקי